גוט שבת אלע אידן. ר׳ גרשון ליבמאן האט געלערנט אין דעם נאווארדאק ישיבה בשעת די דייטשע חיות ימ״ש זענען אריינגעקומען אין שטאט. ער, צוזאמען מיט אנדערע בחורים און אידן זענען אוועקגעשיקט געווארן צו דעם בערגען–בעלזען לאגער, און רוב זענען נישט אהיימגעקומען, הי״ד.

די אידן אין לאגער האבן געדארפט ארבעטען גאר שווער. און פארשטייט זיך אז די רשעים ימ״ש האבן נישט געגעבן צו סאך צו עסן. ר׳ גרשון׳ס גוף איז צובראכן געווארן, אבער זיין נשמה האט געברענט מיט אהבת השם. זיין קאפ איז געווען נאך אין נאווארדאק ביי די גמרא. ער האט געחזרט זיין לערנען בעל–פה וויפיל ער האט געקענט געדענקן. ער האט נישט אנגערירט די ביסל פלייש וואס זיי האבן אים געגעבן דארט, און ער האט געהיטן שבת וויפיל עס איז געווען שייך.

איין טאג ווען גרשון האט געארבעט אין א פעלד לעבען דעם לאגער, זענען געקומען צו אים אפאר דייטשע סאלדאטן. זיי האבן אים אנגעכאפט מיט די הענט און ממש געשלעפט צו דעם אפיס פון דעם קומאנדאנט, דער דייטשער גענעראל פונעם לאגער.

די סאלדאטן האבן אים אריינגעשטופט צום אפיס. גרשון איז איבערראשט געווארן צו זען דעם אונטערשייד צווישען דעם שיינעם אפיס און דער לאגער אין דרויסן. זיי האבן אריינגעפירט גרשון אין דעם שטוב וואו דער גענעראל ימ״ש איז געזעצןביים טיש פרעסן זיין מיטאג–עסן. גרשון האט נישט געקענט גלייבן וואס ער האט געזען, אויף דעם טיש איז געווען א גרויסע געקאכטע חזיר אויף א זילבערנע טאץ! ווען גרשון האט זיך דערנענטערט צו דעם טיש איז ער נאך מער ערשטוינט געווארן צו זען אז די טישדעק איז געווען א טלית!

גרשון האט נישט געקענט פארנעמען צו זען א הייליגע טלית אין אזא מצב פון בזיון. גרשון האט נישט צוריקגעהאלטן אפילו איין רגע. ער האט אנגעכאפט דעם טלית און מיט אן עזות האט ער עס געשלעפט מיט זיין לעצטע כוחות. די אלע שיינע טעלערס מיט די זילבענע עסנווארג מיט דעם קריסטאל ווייזן האלטער און דעם חזיר אויפן טאץ זענען געפלויגן. כמעט אלעס איז ב״ה געפאלן אויף די שויס פונעם גענעראל. גרשון האט גענומען דעם טלית און ער האט עס געקושט און ער עס כביכול איבערגעבעטן.

דער קומאנדאנט, וואס האט אריינגערופן גרשון דווקא אים צו טשעפענען, האט זיך יעצט געקאכט און זייער שטארק געכעסט. גרשון האט אנגעפאנגען צו זאגן ווידוי. גרשון האט געווארט אויף דעם קויל, אבער מען האט אים ב״ה נישט געשאסן. דער קומאנדאנט האט געהייסן אז מען זאל ארויסנעמען גרשון און אים שלאגען. ב״ה אז מיט נסים האט גרשון דורכגעלעבט יענע טאג.

איין שיינע טאג א שטיק צייט שפעטער האבן אמעריקאנער סאלדאטן ב״ה באפרייט דעם לאגער. אפאר טעג שפעטער, איז א אידישער אמעריקאנער סאלדאט אריבערגעגאנגען צו גרשון. דער סאלדאט האט געזען ווי גרשון לערנט פון א בבא קמא גמרא, הפלא ופלא! גרשון האט געטראפן א גמרא ערגעץ אין דעם לאגער!

דער סאלדאט האט געפרעגט גרשון פארוואס ער לערנט, און ער זוכט נישט צו עסן אזוי ווי די אנדערע צובראכענע שוואכע אידן. גרשון האט געענטפערט דעם סאלדאט אז ער האט כמעט פונף יאר נישט געלערנט געהעריג זייט ער איז געווען אין לאגער, און יעצט אז ער האט געהאט דעם געלעגנהייט, פארוואס זאל ער נישט לערנען?

גרשון האט געזאגט ווייטער צום סאלדאט אז ער וויל מאכן א ישיבה אין בערגען בעלזען. ״ווער וועט זיין דער ראש ישיבה?״ האט דער סאלדאט געפרעגט גרשון. ״איך!״ האט ער געענטפערט.

״און ווער וועט גיין נאך געלט פאר דיין ישיבה?״ ״איך.״ האט גרשון געענטפערט. ״און ווער וועט זיין דיין תלמידים?״ האט דער סאלדאט געפרעגט. גרשון האט געשמייכלעלט אין ער איז צוריקגעגאנגען צו זיין לערנען. דער אידישער סאלדאט איז ערשטוינט געווארן פונעם געשעניש, און ער האט געהאט הרהורי תשובה.

שפעטער האט גרשון טאקע געעפענט א ישיבה ״בית יוסף נאווארדאק״ אין א די.פי. קעמפ. נאך די מלחמה, איז יענער סאלדאט געקומען לערנען תורה ביי ר׳ גרשון!

ר׳ גרשון איז א דוגמה פאר אונז אלע, בפרט אין דעם עניין פון כבוד פאר די מצוות פון ציצית און לימוד התורה. וויבאלד אז די פרשה די וואך רעדט פון דער מצוה פון ציצית, איז עס כדאי דא צו רעדן אביסל וועגן דעם וויכטיגקייט פון זיין מקפיד אויף די מצוה פון ציצית.

דורך טראגן ציצית, ווערט א איד דערמאנט וועגן שמירת העיניים וואס איז די שליסל פון יראת שמים און עבודת ה׳. אזוי ווי רש״י הקדוש איז מסביר, ״הלב והעינים הם מרגלים לגוף, מסרסרים לו את העבירות, העין רואה, והלב חומד, והגוף עושה את העבירות.״ (במדבר טו, לט) דער הארץ און די אויגען זענען די שפיאונען פונעם גוף, וועלכע טון כסדר אנטראגן עבירות פאר די גוף צו טון. ווייל דער סדר איז, אז דער אויג זעט, און דער הארץ גליסט, און דאן טוט די גוף די עבירות, ח״ו. עס קומט אויס אז ציצית האבן א געוואלדיגע חשיבות ווייל זיי היטן אפ א איד פון טון עבירות.

דורך מקפיד זיין אויף די מצוה פון ציצית, און דורך פירן זיך מיט כבוד פאר אלע חפצי מצוה, וועלן מיר אלע זוכה זיין צו די אלע גוטע השפעות וואס קומען אראפ דורך די מצוות. **גוט שבת אלע אידן.**

נתרם לרפו״ש של הילדה מלכה רייזל בת רחל, הילד צבי אלימלך בן שיינדל, ר׳ דוד צבי מנחם בן חיה שרה, שאשא מלכה בת גאלדא, משה דוד בן מרים בתשח״י

לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי׳ וואלפבערג 3234–362 (845)

**כל המענג את השבת נותנין לו משאלות לבו (שבת קיח:) - נא לעיין בדף זה לאחר התפילה**